# דברי מוסר והתעוררות

## שהשמיע כ״ק מרן אדמו״ר שליט״א

## בדרשת ז׳ אדר תש״פ לפ״ק

**השתמשות בכלי הטעכנעלאגיע • השימוש בסמארטפאון בפרהסיא ובמקום רבים, ובבית בפני הילדים • דרכי החינוך והנהגת הבית מתוך קשר אמיץ ואהבה עם הבנים • קביעות עתים לתורה**

יוצא לאור ע״י מכון מעדני מלך וויען

**די** גמרא (סוכה נו:) ברענגט צו א מעשה, מעשה במרים בת בילגה, עס איז געווען א מעשה מיט מרים וואס האט געשטאמט פון די משמר פון בילגה, שהמירה דתה, זי האט זיך גע׳שמד׳ט, והלכה ונשאת לסרדיוט אחד ממלכי יוונים, און זי האט חתונה געהאט צו איינעם פון די גרויסע לייט פון מלכי יונים, כשנכנסו יוונים להיכל, ווען די יונים זענען אריינגעקומען אינעם היכל אין די צייט פון מתתיהו בן יוחנן כהן גדול, היתה מבעטת בסנדלה על גבי המזבח, האט זי גענומען איר שיך, און געשטויסן דערמיט אויפן מזבח, ואמרה, און זי האט געזאגט, לוקוס לוקוס, א יונישע לשון אויף א וואלף, עד מתי אתה מכלה ממונן של ישראל, ווילאנג טוסטו מכלה זיין געלט פון יודען, ואי אתה עומד עליהם בשעת הדחק, און דו שטייסט זיי נישט צו הילף ווען זיי זענען אין א שעת הדחק. וכששמעו חכמים בדבר, שפעטער ווען די בית חשמונאי האט געזיגט און די חכמים האבן דאס געהערט, קבעו את טבעתה וסתמו את חלונה, יעדער משמר האט געהאט א טבעת מיט א חלון, און דער טבעת און דעם חלון פון דעם משמר האט מען פארמאכט.

**פרעגט** די גמרא, משום ברתיה קנסינן ליה לדידיה, ווייל די טאכטער האט געטון א זאך וואס מען דארף נישט, וועגן דעם טוסטו קנס׳נען דעם פאטער? און כל שכן דעם גאנצן משמר? אמר אביי אין, האט אביי געזאגט יא, כדאמרי אינשי, אזוי ווי מענטשן זאגן, שותא דינוקא בשוקא, א קינד וואס ער רעדט אויף דער גאס, דאבוה או דאימיה, אבער האט ער עס געהערט פונעם טאטען, אבער האט ער עס געהערט פון די מאמען. טייטשט רש״י, אז די זעלבע איז אויך דא, אז זי האט געקענט זאגן אזעלכע ווערטער אויפן מזבח, האט זי געמוזט הערן פון איר פאטער אז ער האט מבזה געווען די עבודה. ווען זי זאל עס נישט הערן פון איר טאטען, וואלט זי נישט אזוי געזאגט, האט מען פונעם קינד אפגעלערנט וואס דער טאטע איז, און וועגן דעם האט מען גע׳קנס׳ט די גאנצע משמורה.

**די** מעשה איז א געוואלדיגע פלא. איז דאס אזא מילתא דפסיקא, אז ווייל מען האט אזוי געהערט פון איר, איז א סימן אז דער פאטער האט דאס געזאגט. דער פאטער איז דאך געווען מוחזק כל ימיו פאר אן ערליכער יוד, ער האט געהאט א חזקת כשרות, מען האט אים נישט מעביר געווען קיינמאל פון די כהונה, פון וואו איז אזוי זיכער אז זי האט עס געהערט פונעם פאטער, אז וועגן דעם גייט מען אים מעניש זיין, און מבזה זיין, און מען גייט קנס׳נען די גאנצע משמורה וועגן דעם ווייל זי האט אזוי געזאגט? ווי לייגט זיך עס אויפן שכל אז עס זאל אזוי זיין?

**און** די קשיא גייט נאך שטערקער. לו יהא זי האט געהערט א זלזול פונעם טאטען אויף די עבודה, און דאס האט צוגעברענגט דערצו, אז זי האט געקענט בועט זיין אינעם מזבח, זי האט זיך דאך גע׳שמד׳ט, זי האט דאך פאר דעם חתונה געהאט צו א גוי, דאס האט זי אויך

געהערט פון איר טאטען, אז זי זאל זיך שמד'ן און חתונה האבן מיט א גוי? אפילו א אדם פשוט איז נזהר פון אזא זאך, און כל שכן ווען מען רעדט פון א יוד וואס טוט די עבודה אין בית המקדש, א מענטש וואס איז מוחזק בחזקת כשרות, מען האט קיינמאל נישט געהערט אויף אים קיין שום דופי, וועלן מיר זאגן אז אויך דאס וואס זי האט זיך גע'שמד'ט, און זי איז געגאנגען חתונה געהאט צו איינעם פון מלכי יוני, האט זי דאס געהערט פונעם טאטען אדער פון די מאמען?

**נאכדעם** דארף מען פארשטיין, ער זאגט שותא דינוקא 'בשוקא', דאס וואס א קינד רעדט אויף דער גאס, או דאבוה או דאימיה, איז עס אדער פונעם טאטען אדער פון די מאמען. וואס האט עס צו טון מיט די גאס? וואס איז ווען ער רעדט אין שטוב, און ער רעדט אין חדר, ער רעדט אין בית המדרש. אויב דאס וואס ער רעדט האט ער מקבל געווען פון די טאטע אדער פון די מאמע, וואלט די גמרא געדארפט זאגן, שותא דינוקא, דאס וואס א קינד רעדט, איז מאבוה או מדאימיה. פארוואס זאגט ער שותא דינוקא 'בשוקא', וואס מען רעדט אויף דער גאס אין שטוב און אין פעלד איז דאך אויך די זעלבע?

*

**איך** וועל מקדים זיין א צווייטע גמרא אין מסכת בבא בתרא (קט:), די גמרא פארציילט אויף משה רבינו [עס הערט זיך קוים], אז ער האט געהאט אן אייניקל וואס פאר זיין פרנסה איז ער געווארן א כומר לעבודה זרה. ער האט נישט געהאט קיין פרנסה, איז ער געגאנגען און ער האט זיך פארדינגען פאר א בית עבודה זרה, ער זאל דארטן זיין א גלח, א באדינער. אזוי שטייט אין פסוק (שופטים יח-ל), ויהונתן בן גרשום בן מנשה הוא ובניו היו כהנים לשבט הדני, דער יהונתן, נישט נאר ער, נאר ער מיט זיינע קינדער, זענען געווארן כהנים פאר שבט דני. דער יהונתן איז געווען א זון פון גרשום, און דער גרשום איז געווען א זון פון משה רבינו, און דער פסוק רופט אים אן בן מנשה. פרעגט די גמרא, והלא בן משה הוא, גרשום איז דאך געווען א זון פון משה, פארוואס רופט ער אים בן מנשה? אלא מתוך שעשה מעשה מנשה, אזוי ווי ער האט זיך געפירט ווי מנשה בן חזקיה מלך יהודה, וואס האט געדינט עבודה זרה, תלאו הכתוב במנשה, אנשטאטס משה האט אים דער פסוק אנגערופן מנשה. דער רשב"ם זאגט, אז דער נו"ן איז תלוי, עס איז נישט געשריבן געהעריג, עס הענגט אינדערמיט, עס ווייזט אז מען קען עס ליינען משה, און מען האט אריינגעלייגט אינעווייניג א נו"ן, בן מנשה, אז דאס קינד האט זיך געפירט אזוי ווי מנשה וואס איז געווען אן עובד עבודה זרה.

**דער** רשב"ם אויפן פלאץ ברענגט צו א ירושלמי (ברכות ט-ד), אז דער יהונתן האט נישט געגלייבט אין די עבודה זרה, אדרבה, ווען עס פלעגט קומען א מענטש מקריב זיין א קרבן פאר עבודה זרה, האט ער אים געזאגט, אז די עבודה זרה איז אין בו ממש, עס איז גארנישט. ווען יענער האט איבערגעלאזט עסן פאר די עבודה זרה, האט ער עס נישט מקריב געווען פאר די עבודה זרה, ער האט אליין אויפגעגעסן וואס יענער האט געברענגט, און האט מתפלל געווען צום אייבערשטן אז דער מענטש זאל ווערן אויס עובד עבודה זרה. דאס אלעס האט ער געטון פאר זיך, אבער סוף כל סוף האט ער זיך ארומגעדרייט אין א שטוב פון עבודה זרה, און ער האט באדינט עבודה זרה. און די גמרא איז עס מגנה, ער האט זיך געפירט אזוי ווי מנשה. א זאך וואס עס פאסט נישט צו טון פאר קיין שום יוד, און כל שכן ווען מען רעדט פון אן אייניקל פון משה רבינו, זאל טון אזא ארבעט.

**עס** שטייט אין די גמרא דארט, אז דער יהונתן האט מאריך ימים געווען, און האט געלעבט ביז צו די טעג פון דוד המלך. כיון שראה דוד שממון חביב עליו ביותר, דוד האט געזעהן אז געלט איז ביי אים חביב, פאר געלט איז ער געווארן א כומר פאר עבודה זרה, מינהו על האוצרות, האט אים דוד אוועקגענומען פון דארט, און האט אים געשטעלט אכט צוגעבן אויף די אוצרות פונעם מלך. אזוי שטייט אין פסוק (דברי הימים א כו-כד) ושבואל בן גרשום בן מנשה נגיד על האוצרות. וכי שבואל שמו, והלא יהונתן שמו, ער גיט אים אן אנדערן נאמען שבואל. אמר רבי יוחנן ששב לא-ל בכל לבו, שפעטער האט ער זיך צוריק געקערט צום אייבערשטן מיטן גאנצן הארץ.

**און** עס איז א געוואלדיגע פלא, דער חתם סופר אין די דרשות (ז' אדר קמג:) שטעלט זיך אויף דערויף, אמת יהונתן האט געטון וואס עס פאסט נישט, ער איז געגאנגען אין

די וועגן פון מנשה וואס האט געדינט עבודה זרה, פארוואס האט מען גענומען דעם נו"ן און אריינגעלייגט אינעםווארט משה, פון משה האט מען געמאכט מנשה. אז מען וויל תולה זיין די גנאי, דארף מען עס תולה זיין אין יהונתן, און נישט אין משה, אז מען זאל נעמען משה רבינו'ס נאמען, און ארייגלייגן אין משה א נו"ן, און אים רופן מנשה? אזוי פרעגט דער הייליגער חתם סופר.

**אין** פשטות וואלט מען געקענט זאגן, אז עס שטייט אין מכילתא (פרשת יתרו), ואת שני בניה, אשר שם האחד גרשם, כי אמר גר הייתי בארץ נכריה (יח-ג), ער האט געזאגט, איך בין געווען א גר אין א פרעמד לאנד. ווען משה רבינו איז אנטלאפן פון מצרים, איז ער אנגעקומען אויף מדין. זאגט דער מכילתא אזוי, אמר משה, הואיל וכל העולם עובדי עבודה זרה, די גאנצע וועלט דינט עבודה זרה, אני אעבוד לפני מי שאמר והיה העולם, איך גיי נאר דינען דעם אייבערשטן וואס האט באשאפן די וועלט. בשעה שאמר משה ליתרו, תן לי צפורה בתך לאשה, ווען עס איז געקומען אז משה רבינו האט געדארפט א שידוך טון, און נעמען צפורה, אמר לו יתרו, קבל עליך דבר זה שאומר לך, ואני נותנה לך לאשה, אז דו וועסט מקבל זיין וואס איך זאג דיר, געב איך דיר צפורה פאר א ווייב. אמר לו, מהו, וואס בעטסטו פון מיר, אמר לו, בן שיהיה תחלה יהיה לעבודה זרה, דאס ערשטע קינד וואס דו וועסט האבן זאל זיין צו עבודה זרה, מכאן ואילך לשם שמים. ער האט דאך געוואוסט אז משה רבינו איז ערליך, ער דינט דעם אייבערשטן. אלע קינדער קענסטו נעמען לשם שמים, אבער דעם ערשטן קינד זאל זיין לעבודה זרה. וקבל עליו, משה רבינו האט נישט געהאט קיין ברירה, און ער האט עס מקבל געווען אויף זיך [ער האט געוואוסט מסתם, אז שפעטער וועט ער עס קענען אויסגראדן] ואמר לו, השבע, זאגט ער, איך בעט פון דיר א שבועה, אז דו גייסט אזוי טון. וישבע לו, האט אים משה רבינו געשווארירען, שנאמר ויואל משה, ויואל איז א לשון שבועה. זאגט דער מכילתא, לפיכך הקדים המלאך להרוג את משה, וועגן דעם האט דער מלאך געוואלט הרג'נען משה'ן ווען ער האט נישט גע'מל'ט דאס קינד, ווייל ער האט דאך געזאגט אז ער גייט אוועקגעבן דאס קינד לעבודה זרה, מיד ותקח צפורה צור ותכרות את ערלת בנה (ד-כה), האט זי גענומען א צור און אים גע'מל'ט. קומט אויס, אז משה רבינו האט געהאט צוגעזאגט פאר'ן שווער, אז איין קינד וועט גיין פאר עבודה זרה.

**שטייט** אין בעל הטורים (אנפאנג פרשת יתרו), אז דער תנאי וואס יתרו האט זיך אויסגענומען, אז איין קינד וועט ער אוועקגעבן פאר עבודה זרה, האט גורם געווען אז עס איז ארויסגעקומען שפעטער פון אים יהונתן, וואס איז געווארן א כומר פאר פסל מיכה. כאטש ער האט אים נאכדעם מוחל געווען דעם תנאי, איז געבליבן א פגם אינעם קינד גרשום, אז פון אים איז ארויסגעקומען א בן א כומר לעבודה זרה. עס איז מבהיל על הרעיון, א ווארט וואס מען האט געזאגט אויף א קינד, אז איך גיי אים אוועקגעבן פאר עבודה זרה, איז שפעטער אויסגעוואקסן פון דעם קינד א כומר לעבודה זרה.

**יעצט** פארשטייט מען שוין, פארוואס מען האט אריינגעלייגט אין משה די נו"ן פון מנשה, צו ווייזן, אז די ירידה וואס יהונתן האט געהאט, איז געקומען דורך משה רבינו, מכח די שבועה וואס ער האט געגעבן פאר יתרו, איז ער געווען דער גורם דערצו. - און מען האט אריינגעלייגט א אות נו"ן, ווייל די גמרא (ברכות ד:) זאגט, פארוואס איז נישט דא קיין אות נו"ן אין אשרי, מפני שיש בה מפלתן של ישראל, שנאמר נפלה לא תוסיף קום בתולת ישראל. ווייל דאס אות נו"ן ווייזט אויף א נפילה, נפלה לא תוסיף קום. און אז נו"ן ווייזט אויף א נפילה, האט מען געוואלט ווייזן, ווער איז שולדיג פאר די נפילה וואס דער יהונתן האט געהאט, דער נו"ן האט מען אריינגעלייגט אין משה. משה איז געווען דער גורם אויף די נפילה, ווייל ער האט מסכים געווען צו דעם תנאי וואס יתרו האט זיך מיט אים אויסגענומען. עס קען אבער זיין על דרך מוסר אז עס ליגט דא נאך א ענין.

*

## בנינו כנטיעים מגודלים בנעוריהם

**דוד** המלך זאגט (תהלים קמד-יב), אשר בנינו כנטעים, אונזערע קינדער זענען אזוי ווי פלאנצונגען, מגודלים בנעוריהם, זיי ווערן ערצויגן פון זייער יוגענט אן. בנותינו כזוית, אונזערע טעכטער זענען צנועה אזוי ווי א ווינקל פונעם שטוב, מחוטבות תבנית היכל, זיי זענען

אויסגעפארעמט אזוי ווי א היכל. ער איז מדמה די קינדער פון א מענטש, אז זיי זענען ווי פלאנצונגען וואס וואקסן. די תורה הק׳ זאגט אזוי, כי האדם עץ השדה (דברים כ-יט), א מענטש איז צוגעגליכען צו א עץ השדה. א עץ השדה גיט ארויס פירות, די זעלבע איז דער טאטע אזוי ווי דער בוים, און זיינע קינדער זענען די פירות. - און מיר וועלן עס מבאר זיין, עס צולייגן, וואס דאס מיינט.

**יעדער** ווייסט, אז א פרי וואס וואקסט אויפן בוים, איז די גוטסקייט פון די פרי, די שיינקייט פון די פרי, ווי גרויס די פרי זאל וואקסן, וואס פאר א טעם די פרי זאל האבן, וואס פאר א שמעק די פרי זאל האבן, אלעס ווענדט זיך אינעם אילן! דער בוים מאכט אלעס. דער בוים גיט אריין דעם טעם דערין, עס גיט אריין דעם שמעק וואס עס איז דא דערין, און אזוי אויך די שיינקייט, אלעס ווענדט זיך אין דעם כח פונעם בוים! אויב עס איז א געזונטער בוים, א שטארקער בוים, וועט עס ארויסגעבן גוטע פירות. טאמער דער בוים איז שוואך, וועט זיך עס באמערקן אין די פירות, די פירות וועלן נישט זיין די זעלבע, די פירות וועלן זיין קליין, איינגעשרימפען, עס האט נישט דעם זעלבן טעם. אויב עס איז דא א חסרון אינעם בוים, איז דא א חסרון אין די פירות!

**אויב** א מענטש וויל אז די פירות פון זיין בוים וואס ער פלאנצט איין, זאל מצליח זיין, גיט ער זיך נישט אפ מיט די פירות, נאר ער איז זיך מטפל מיטן בוים. אז ער וויל זיין בוים זאל ארויסגעבן גוטע פירות, טוט ער פלעגן דעם בוים ווי עס דארף צו זיין. ער ברענגט אסאך וואסער און ער באגיסט עס, ער איז מחזק די ווארצלען פונעם בוים, ער נעמט אראפ די שלעכטע צווייגן וואס איז דא אויפן בוים. ווען ער טוט אריינלייגן ארבעט אינעם בוים, קומט נאכדעם ארויס דערפון א מוצלח׳דיגע פרי.

**ווען** איינער וועט זיך נישט מטפל זיין מיטן בוים, ער וועט זיך נעמען מטפל זיין מיט די פירות, ער וועט איבערלאזן די עבודה פונעם בוים, אויף דעם בוים וועט ער נישט אכט געבן, ער וועט נאר קוקן שפעטער אויף די פרי, וואס ער קען טון פאר די פרי, אז די פרי זאל זיין גוט, וועט ער גארנישט אויפטון! ווייל דער כח פון די פרי ווענדט זיך אינעם בוים, נאר דער בוים גיט אריין די חיות אין די פרי.

**אפילו** ווען די פרי איז שוין אויסגעוואקסן, די פרי איז שוין פערטיג, אז מען וויל די פרי זאל זיך האלטן, עס זאל בלייבן פריש, עס זאל נישט פארטריקענט ווערן, עס זאל נישט אויסגעליידיגט ווערן, איז אלעס תלוי ווי אזוי ער איז מחובר צו דעם בוים, און ווי אזוי דער בוים וועט אריינלייגן די חיות אין די פרי, אלעס באקומט ער פון דארטן! און אז ער וועט זעהן אז עס איז דא א פגם און א שינוי אין די פרי, וועט ער נישט לייגן זיין פלאג אין די פרי, ער וועט לייגן זיין פלאג אינעם בוים. ער וועט זעהן אויסצוארבעטן דעם בוים, ארויסצונעמען יעדן פסולת וואס עס איז דא דארטן, צוגעבן מער וואסער, ער וועט מחזק זיין די ווארצלען דערפון, דעמאלטס וועט ער האבן געהעריגע שיינע פירות — דאס איז ביי א בוים.

## השפעת האבות על הבנים

**על** דרך זה, האדם עץ השדה, די זעלבע איז ביי א מענטש, וואס איז א דמיון פון א בוים. די גידול פון זיינע קינדער, די גידול פון זיינע פירות, וואס פאר א טעם זיי זאלן האבן, וואס פאר א ריח זיי זאלן האבן, ווי אזוי זיי זאלן וואקסן אין גרויסקייט, אז עס זאל זיין א פרי תפארת, איז אלעס תלוי אינעם שורש, אלעס איז תלוי אין דעם בוים, אין די עלטערן! **יעדע שטוב וואס דער שורש פונעם שטוב איז שטארק, בלייבן די קינדער דבוק צו די וועגן פון די עלטערן, און טאמער פעלט פונעם בוים, דערקענט זיך עס אין די פירות!** און ווען מיר עס צולייגן.

**אז** מען וויל אריינברענגען אין קינדער אהבת תורה, מען זאל נישט אנברענגען קיין צייט, יעדע פרייע מינוט זאל מען האבן א ליבשאפט אויסצונוצען פאר תורה. ער וויל מדריך זיין דאס קינד אין עבודת התפלה, מען דארף דאווענען, מען דארף זיך מתעצם זיין בשעת׳ן דאווענען אינעם אייבערשטן, פארגעסן פון אלעס ארום און ארום, און זיך אויסשמועסן, מפיל זיין לבו לפני קונו. ער וויל מחנך זיין דאס קינד זאל האבן גוטע מידות, זיך פירן איידל.

**אויב** ער וועט אריינלייגן זיין גאנצן פלאג נאר אינעם קינד, ער וועט מזרז זיין און מעורר זיין דאס קינד נאכאמאל און נאכאמאל, גיי שוין לערנען, גיי שוין דאווענען, פארוואס האסטו אזוי געטון, טו אזוי און אזוי, וועט ער נישט צוקומען צו דעם תכלית! ער איז דומה דעמאלטס אזוי ווי

א פרי פון א בוים וואס איז נפגם, עס ווערט עפעס קאליע אין די פרי, און ער גייט לייגן א בענדעז"ש אויף די פרי, ער וועט עפעס ארויפלייגן, עפעס ארויף שמירען, אויף די פרי, עס וועט אים גארנישט העלפן. ווייל די פראבלעם איז נישט די פרי, די פראבלעם איז פון וואו די פרי איז יונק, פון וואו עס ציט זיין חיות. מיט דעם וואס ער וועט לייגן א פלאסטער אויף די פרי אליין, מיט דעם וועט ער נישט צוקומען צו זיין תכלית.

**אז מען וויל אז די קינדער זאלן אויסוואקסן ווי עס דארף צו זיין, הייבט זיך אן די עיקר עבודה ביי זיך אליין! ער דארף זיין א מוסטער פאר די שטוב! די זאך וואס ער וויל זעהן ביי זיינע קינדער, דארף ער קודם ארבעטן דערויף אויף זיך.** ער דארף ארויסנעמען פון זיך יעדע שלעכטע צווייגל וואס עס איז דא. ער דארף צוגעבן וואסער אינעם שורש, דעמאלטס וועט וואקסן פירות וואס וועלן זיין א תפארת.

## הבנים מבחינים פנימיות אבותיהם

**קינדער האבן א געוואלדיגן חוש הריח! זיי שמעקן זייער גוט מבחין צו זיין וואס עס איז די פנימיות פון די עלטערן.** דער אויסענווענדיגסטער לבוש מיט וואס דער מענטש גייט, זיין שטריימל און זיין בעקיטשע, רעדט נישט קיין סאך צו דעם קינד. נישט וועגן דעם וועט ער זיין א חסידישער יוד ווייל דער טאטע גייט אנגעטון מיט חסידישע בגדים. זיי גייען אראפ מכיר צו זיין דעם פנימיות פונעם טאטען. וואס ליגט אונטער די לבושים? אונטער דעם שיינעם שטריימל און די בעקיטשע? וואס טוט זיך אונטער דעם? דאס טוט ווירקן אויף א קינד! ווייל נאר דברים היוצאים מן הלב, נכנסין אל הלב, נאר א זאך וואס קומט ארויס פונעם הארץ, גייט אריין צום הארץ.

**ביז די קינדער וועלן נישט דערקענען קיין התמדה אין תורה ביי דעם טאטען, אז דער טאטע ברענגט נישט אן קיין צייט, ער קומט אהיים פון דער ארבעט, מוז ער ענדיגן זיין 'דרשו'; ער מוז ענדיגן זיין 'והגית'; ער מוז ענדיגן 'ובהם נהגה'; ער האט וואס צו טון, אזוי לאנג וועט זיך נישט אנקלעפן התמדת התורה אין די קינדער.**

**ביז** דאס קינד וועט נישט זעהן ווי אזוי א טאטע גרייט זיך צום דאווענען; און ווי אזוי ער שטעלט זיך דאווענען; ווי אזוי ער גיסט אויס זיין הארץ בשעת ער דאווענט; וואס זענען די מידות פון די עלטערן, אזוי לאנג קען מען נישט משפיע זיין אויף אים, אויב ער זעהט עס נישט פאר א סעמפל פאר זיך.

**'אשר** בנינו כנטעים', אונזערע קינדער זענען אזוי ווי פלאנצונגען, וואס די פירות זענען יונק פונעם שורש פון דעם בוים. אז דער בוים איז געזונט, קומען ארויס דערפון, שפראצן דערפון, שיינע פירות. 'מגודלים', זיי ווערן ערוואקסן, 'בנעוריהם', מיט דעם וואס זיי זעהן אין דער יוגענט ביי די עלטערן. נאר פון דעם וואס זיי זענען יונק אין די יוגענט פון די עלטערן, דאס טוט זיי מגדל זיין, דאס טוט זיי ארויפברענגען. אז עס פעלט די יניקה פונעם טאטן, נוצט נישט וואס מען איז זיך מטפל נאר מיט די פרי אליין.

**אויב** ער זעהט אז דער פאטער קען אנברענגען צייט פאר דברים בטלים, ער נוצט נישט אויס די צייט פאר תורה און עבודת ה'. זיין דאווענען איז אן א חיות, ער דארף נאר יוצא זיין ידי חובתו וועגן דעם קומט ער אין בית המדרש דאווענען. ווען ער זעהט די מידות פונעם פאטער ווי אזוי ער פירט זיך אויף טאג טעגליך, ווי אזוי ער רעדט, ווי אזוי ער רעדט צו די מאמע, ווי אזוי ער רעדט ווען ער הייבט אויף א טעלעפאן, ווי אזוי ער רעדט צו זיין ביזנעס לייט וואס ער איז מיט זיי צוזאמען. - **פון א פארטריקענטן בוים, וואס האט נישט קיין לחלוחית, איז נישט מעגליך אז עס זאל ארויסוואקסן דערפון - בדרך כלל - גוטע פירות!**

## אל תטוש תורת אמך

**עס** איז אמאל געווען ביי מיר א מאמע מיט א טאכטער, און די מאמע האט פארלאנגט פון די טאכטער אז זי זאל טון עפעס א געוויסע זאך, און די טאכטער האט נישט געהאלטן דערביי. און די מאמע האט געזאגט, שמע בני מוסר אביך ואל תטוש תורת אמך, איך טו אזוי, איך וויל דו זאלסט אויך אזוי טון. ווען די מאמע איז ארויסגעגאנגען, פרעג איך די טאכטער, נו, די מאמע האט דאך געזאגט אל תטוש תורת אמך? זאגט זי מיר, זי זאגט אל תטוש תורת אמך?! זי גייט מיט א שייטל אנדערש ווי איר מאמע איז געגאנגען, ווי די באבע איז געגאנגען. איר קלייד וואס זי האט אן, איז אנדערש ווי די

קלייד וואס איר מאמע איז געגאנגען. א ווייסע שירצל מיט א ווייסע טיכל פרייטאג צונאכטס, האט זי נישט אזוי ווי די מאמע איז געגאנגען, און פון מיר פארלאנגט זי אל תטוש תורת אמך?! זי מיינט נישט דעם אל תטוש תורת אמך, זי האט א אינטערעסע, זי וויל איך זאל אזוי און אזוי טון, איך בין נישט דערביי, איך האלט עס נישט ביים טון... - **מען קען נישט פארלאנגען אל תטוש תורת אמך, ווען מען טוט אליין שטערן דעם תורת אמך!** אז א מאמע איז א מוסטער פאר א קינד, א טאטע איז א מוסטער פארן קינד, דעמאלטס כאפטס זיך עס אן אין דעם קינד, און דער קינד גייט אויפן ריכטיגן וועג.

*

## לשמור הבנים בשמירה מעולה מרוחות רעות המקלקלים אותם

**א** פרי ווענדט זיך אינעם בוים, ווי אזוי דער בוים איז אזוי איז די פרי. אבער נישט אייביג. עס איז דא אמאל א בוים וואס איז געזונט, און ער איז זיך מטפל מיט דעם בוים געהעריג, און דעסטוועגן דאך טרעפט זיך אז א פרי דערויף איז נישט געלונגען, עס ווערט נפגם א פרי וואס ליגט אויף דעם בוים. ווי אזוי? עס איז אריינגעקומען א ווערימל פון אינדרויסן, און עס האט זיך אריינגעגעסן אין די פרי, און עס הייבט אן אויפצועסן די פרי. א מין דזשור״ם איז אריינגעקומען אין די פרי, און עס מאכט עס קאליע. אמאל קומט א שטארקער ווינט, עס קומט האגל, און עס פאלט דערויף, און עס צוקלאפט די פרי אז עס באקומט א קלקול. - דא איז נישט גענוג וואס ער איז זיך משתדל אז דער בוים זאל זיין גוט. דער בוים איז גוט. עס איז נאר דא א זייטיגע זאך פון אינדרויסן, וואס ער מאכט קאליע די פרי. דארף ער זיך משתדל זיין און מאכן יעצט א שמירה פאר די פרי, אוועקנעמען דעם ווארעם וואס עס איז דא דארטן, עס ארומנעמען אז עס זאל נישט קענען צוקומען דערצו, און אזוי ווייטער. עס זאל נישט צוקומען קיין שאדן דערצו.

**די** זעלבע איז ביי האדם עץ השדה. עס איז דא אמאל עלטערן וואס זענען יראים ושלמים, ערליך, די שורש איז שטארק. עס האט זיך צוגעקלעבט צו דעם קינד א ווארעם, א שלעכטער חבר, וואס טוט אים מקלקל זיין! רוחות רעות, שלעכטע ווינטן וואס די גאס איז פול דערמיט, עס קומען די דרכי הגוים, און זיי הייבן אן אריינצודרינגען אין די פרי, אין דעם קינד, און דאס קינד ווערט נשפע. די עלטערן זענען נישט שולדיג, זיי טוען די בעסטע וואס זיי האבן געקענט פאר דעם קינד. וועגן דעם ליגט אויף די עלטערן, אויסער דעם וואס זיי זאלן זיין א געזונטער בוים, צו מאכן א שמירה וויפיל מען קען פאר די קינדער, מאכן פאר זיי א חומה, אז זיי זאלן נישט האבן קיין קשר און קיין מגע צו אויסענווענדיגע זאכן, וואס קענען מקלקל זיין די פירות.

**ביז** בערך הונדערט יאר צוריק, איז א שלעכטע השפעה אויף א קינד, נאר געווען דורך א שלעכטן חבר. עס האט זיך אנגעטשעפעט צו אים א שלעכטער חבר, דער חבר איז געווען א געמיינער מענטש, אמאל איז ער געווען א משכיל און געהאט דעות נפסדות. אמאל איז עס געווען א בעל תאוה, און צוביסלעך האט ער גערעדט און אריינגעלייגט זיין גיפט אין דעם חבר מיט וואס ער האט זיך צוגעטשעפט, און ער האט משפיע געווען מיט זיין דיבור אז ער זאל אויך נאכגיין זיינע וועגן.

**דאס** איז געווען אמאל. עס איז נישט געווען קיין אנדערע קאמיוניקעישענ״ס אז א מענטש זאל זיך קענען מקשר זיין מיטן צווייטן, נאר אז ער רעדט צו אים פה אל פה. זייט עס איז נתפשט געווארן אז מען קען גרינג דרוקן זאכן, איז נשתנה געווארן דער וועג פון השפעה וואס מען האט אויף יענעם. מען האט אנגעהויבן צו דרוקן פארשידענע צייטונגען, פארשידענע מאגיזינען, ספרי מינות, ספרי חשק, וואס דער שאדן דערפון איז אסאך און אסאך שווערער ווי עס איז אמאל געווען א שלעכטער חבר וואס האט גערעדט!

**פארוואס?** ווייל א חבר קען רעדן איין מאל, צוויי מאל, דריי מאל, ער קען דאך נישט רעדן דעם גאנצן טאג. אבער דעם ביכל וואס ער האט באקומען, דאס האט גערעדט צו אים פיר און צוואנציג שעה! ווען ער האט געוואלט, האט ער עס אפירגענומען, ער האט עס נאכאמאל איבערגעליינט און נאכאמאל איבערגעליינט, און עס איז נאכאמאל אריינגעגאנגען אין זיין קאפ וואס עס שטייט דארט. א ביכל האט ער געקענט איבערגעבן פארן צווייטן חבר אויך. איינמאל ער האט עס באקומען, האבן הונדערטער מענטשן געקענט נשפע ווערן פון דעם ביכל וואס ער האט. און דורכדעם איז צוגעקומען דערצו,

וואס די השכלה האט געמאכט, וואס עס האט אוועקגעפירט א גרויס חלק פון כלל ישראל.

## הנסיון של כלי הטעכנאלאגיע שמכלה מנפש עד בשר

**דער** נסיון פון היינטיגן דור, איז נאך שווערער פון וואס עס איז געווען אמאל. **די השפעה פון א שלעכטן חבר, וואס קומט דורך טעכנאלאגיע, וואס קומט דורכן אינטער-נעט, אדער דעם סמארט-פאון, צו יעדע כלי וואס עס איז דומה דערצו, איז מכלה מנפש עד בשר, עס הרג׳ט אוועק יעדן איינעם.** דאס איז נישט אז דאס קינד, אדער ער, האט איין שלעכטן חבר וואס רעדט צו אים, און עס איז באגרעניצט וויפיל איין שלעכטער חבר גיט אריין זיין השקפה, נאר דאס איז א כלי וואס האט אין זיך הונדערטער, און נאך מער, שלעכטע חברים, וואס זיי שרייבן דערויף אלעס וואס עס פאלט זיי איין. וואס מען מעג שרייבן, און וואס מען טאר נישט שרייבן, וואס מען מעג הערן, און מען טאר נישט הערן!

**דאס** איז נישט איין ביכל, דא ליגן הונדערטער ביכלעך אין דעם! און דאס איז נישט ווי ער רעדט צו אים; צו ער דארף ליינען א זאך; נאר ער ווייזט עס אים אין א בילד! ער זעהט עס אויך במראה. וואס אין יצר הרע שולט אלא במה שעיניו רואות (סוטה ח.), דאס איז ׳כלי משחית׳ פאר יעדן איינעם, בלי יוצא מן הכלל!! **א אפענע כלי וואס האט נישט קיין שמירה אויף זיך, מאכט קאליע יעדן מענטש, פונעם פשוט׳סטן מענטש, ביז א צדיק גמור, וואס האט אויך נישט קיין כח ער זאל קענען עומד זיין בנסיון, און נישט נכשל צו ווערן.**

**וואר** עס האט זיך נאר באנוצט מיט דעם, אין גם אחד וואס איז ארויסגעגאנגען דערפון נקי, ריין! ער איז אראפגעגאנגען פון זיין מדריגה וואס ער איז געווען, פון די סארט עבודה וואס ער האט געדינט דעם אייבערשטן פאר דעם, עס האט אים אפגעקילט, און עס האט אים אויסגעלאשן דעם פינק פייער וואס א יוד האט צו עבודת ה׳.

**ברוך** ה׳ אז מיר זענען שוין היינט צוגעקומען צו א מצב, וואס יעדער ערליכער יוד, וואס איז א ירא וחרד לדבר ה׳, באנוצט זיך נישט מיט די כלים אן א פילטער, על כל פנים א שוואכן פילטער. כמעט יעדער ערליכער יוד היינט האט ארויפגעלייגט א פילטער, ווייל אפילו א גוי להבדיל, וואס איז נאר אביסל א בעל נימוס, איז מכיר די געמיינקייט וואס עס איז דא אין א אפענעם כלי אן א פילטער, אז עס איז מטמא במגע ובמשא ובאוהל, סיי ווען מען טראגט עס מיט זיך, ווען מען האט עס אין טאש, און סיי ווען מען רירט עס צו, און אפילו עס ליגט נאר אין שטוב איז עס אויך מטמא.

**איינער וואס האט נאר אביסל שכל, אביסל מח בקדקדו, ער איז נאך נישט אינגאנצען פארפוילט געווארן, איז מכיר, אז א כלי אן א פילטער וועט אים צוברענגען, אז איין טאג וועט ער זיך געפינען אין שאול תחתית!! עס איז נישט קיין ספק! אויב נישט היינט, וועט עס זיין מארגן, אבער אהין וועט ער אנקומען!** עס איז נישט דא איינער וואס זאל זיך דינגען דערמיט, וואס זאל נישט מודה זיין דערצו. און קיינער ווייל באמת נישט צוקומען דערצו, אבער ער פאלט אדורך.

**פון** דעם, מיין איך, אז איך דארף נישט רעדן. אונזער ציבור על כל פנים, ווייסט, אז מען באנוצט זיך נישט מיט קיין שום כלי וואס האט נישט אויף זיך א פילטער.

*

## שמירה מעולה גם על הכלים עם פילטער

**נאר** אפילו א כלי מיט א פילטער, דער גרעסטע משומר׳דיגע כלי, איז נאך אלץ געבליבן א געוויסע כלי משחית וואס מען דארף וויסן ווי אזוי אומצוגיין דערמיט, און זיך היטן דערמיט. מען קען נישט ארויסנעמען יעדן פסולת מן האוכל. עס איז נישט מעגליך אז מען זאל קענען ארויסנעמען אלע פסולת וואס ליגט אינעווייניג. וואס יעדער וואס האט א פילטער ווייסט, וויפיל מאל ער קלאפט זיך אן מיט זאכן וואס ער האט נישט געדארפט צו זעהן און צו הערן.

**צווייטנס**, די קאמיוניקאציע וואס עס איז דא אין די כלים, וואס ער קומט אן צו יעדן, **עס קומט אריין פאר אים קליפ״ס, וואס עס איז פול מיט לשון הרע, ליצנות, ניבול פה, זלזול תלמידי חכמים, אפשפעטן פון מנהגי ישראל וואס איז הייליג ביי אונז, וואס דאס אלעס קומט אריין פון די משומר׳דיגע כלי, אפילו ווען עס איז שוין אפגעהיטן.** דאס איז אסאך און אסאך ערגער ווי איינער

וואס דרייט זיך ארום מיט א שלעכטן חבר! ווייל ער ווערט נשפע נישט פון איין שלעכטן חבר, נאר פון אלע שלעכטע חברים וואס זיי האבן זיך צוגעטשעפעט צו דעם! עס קילט אים אפ זיין יודישקייט צוביסלעך צוביסלעך, וואס ער באמערקט נישט.

**ווען ער זאל באמת קוקן אויף זיין מצב, ווי אזוי האב איך אויסגעקוקט מיט א יאר צוריק, און ווי אזוי זעה איך אויס היינט, זייט ער האט זיך אנגעהויבן צו באנוצען מיט די כלים וואס עס איז דא, ער איז נישט דער זעלבער יוד וואס ער איז געווען פאראיאר! עס איז אפגעלאשן געווארן דער ברען, די התלהבות וואס א יוד דארף האבן צו דברים שבקדושה.**

**דאס** איז אפילו פריוואט פאר זיך, אבער מיר רעדן יעצט לגבי די פירות פונעם מענטש, וואס מען דארף היטן די פירות, אויב מען וויל אז זיי זאלן זיין אזוי ווי עס דארף צו זיין.

## גודל ההפסד בהשתמשות בכלי סמארטפאון בביתו לנגד הבנים

**ווען טאטע און מאמע קומען אריין אין שטוב, און זיי דרייען זיך ארום מיט א סמארט-פאון אפענערהייט, בריש גלי, די שאדן וואס זיי טוען פאר זייערע אייגענע קינדער, וואס נישט די קינדער וועלן ליידן דערפון, נאר זיי וועלן ליידן דערפון ברבות הימים, וואס זיי וועלן זיך רייסן די האר פונעם קאפ, וואס איז געווארן מיט מיין קינד?** זיי זענען דאך מגודלים בנעוריהם, די קינדער ווערן דאך ערוואקסן מיט דעם וואס זיי זעהן אין שטוב. **ווען דאס קומט אריין אינעם שטוב, ווערט א קינד צוגעוואוינט שפעטער, אז א סמארט-פאון [איך רוף עס מיט דעם לשון, ווייל איך קען נישט אלע לשונות וואס עס איז דא דערצו, אבער יעדער סארט כלי וואס עס איז דומה דערצו] איז א חלק פון די כלים וואס עס דארף צו זיין אין א שטוב.** ער האט אין שטוב א לעקטער, ער האט אין שטוב א מיקסער, ער האט אין שטוב א טעלעפאן, און ער האט אין שטוב א טעיפ-ריקארדער, און דאס איז איינע פון די זאכן וואס עס קומט צו זיין אין א נארמאלע שטוב, אז מען דארף האבן אויך א סמארט-פאון. עס איז נישט דא דערין קיין שום חסרון, ער זעהט דאך דער טאטע טוט אזוי, די מאמע טוט אזוי.

**וואס** געשעהט שפעטער, ער ווערט אביסל גרעסער און ער וואקסט אויף, געלט ב״ה פעלט נישט היינט פאר קיין שום קינד. אז ער האט עס נישט בהיתר, טרעפט ער עס באיסור, און זיי קויפן זיך איין שפעטער וואס ער האט געזעהן ביי די עלטערן, און זיי טוען זיך באנוצען דערמיט. אמאל כאפן די עלטערן, און אמאל נישט, און זיי נוצן עס שוין ככל העולה על רוחם, אויף וואס זיי ווילן. און די תוצאות דארף איך נישט ארויסברענגען וואס עס געשעהט, ווייל יעדער ווייסט וואס עס פאסירט.

**אבער** ווען עלטערן געוואוינען זיך, אז איך דארף עס טאקע האבן פאר די געשעפטן, איך קען זיך נישט באגיין אן דעם, איך האב אבער א ערליכע משומר׳דיגע, איך טוה די בעסטע וואס איך קען טון, אבער איך ברענג דאס נישט אריין אין שטוב, דאס קומט נישט אריין ביי מיר אינדערהיים. קינדער מעגן וויסן אז דער טאטע האט עס, עס איז נישט קיין חסרון, ער ווייסט אז דער טאטע האט עס פאר געשעפטן, ווען ער וועט עס דארפן אמאל האבן פאר געשעפטן, האט מען דאך נישט קיין ברירה. אבער די קינדער לערנען זיך אויס, אז דאס איז א כלי וואס איז נאר געמאכט געווארן אלץ א ׳ביזנעס כלי׳, דאס איז נישט קיין זאך וואס יעדער מענטש דארף עס האבן ביי זיך אינדערהיים. ווער עס דארף עס האבן אין מסחר, דארף עס נוצן. **דאס קינד ווערט נתחנך, און ער וואקסט אויף מיט דעם, אז מען האט נישט מיט דעם קיין שייכות נאר ווען עס איז דא א צורך, און דאס קומט נישט אריין אין א נארמאלע יודישע שטוב אז דאס זאל זיין א כלי פונעם הויז. ער האט א פשוט׳ן טעלעפאן וואס ער נוצט עס שטענדיג צו זיין טאג-טעגליכן רעדן וואס ער דארף, ווען ער קומט אריין אינדערהיים האט ער א פשוטן טעלעפאון, נאר לצורך פרנסה האט ער א טעלעפאן וואס עס איז משומר מיט א פילטער, אבער דאס קומט נישט אריין אינדערהיים,** דאס ליגט אין געשעפט, עס ליגט אין די קאר, אבער נישט אין שטוב. דאס לערנט אויס א קינד, אז דאס איז נישט קיין כלי וואס באלאנגט אין די שטוב, עס איז נאר ווען מען דארף עס האבן פאר א געוויסן צוועק, נוצט מען עס.

*

## המשתמשים בסמארפאון במקום רבים עתידין ליתן את הדין

**די** זעלבע איז אויך **די וואס טוען זיך משתמש זיין מיט דעם ברבים, לעיני כל, ער שעמט זיך גארנישט, ער גייט ארום מיט זיין סמארט-פאון איבעראל און ער רעדט**

**דערמיט. און ער נעמט עס ארויס אן קיין בושה, איז עס אין א זאל, איז עס אין א בית המדרש, זיי זענען עתידין ליתן את הדין! זיי טוען אפקילען ברבים דער צוטריט דערצו, אז עס איז גארנישט, עס איז נישט געפערליך. ער איז גאנץ א וואוילער יונגערמאן, און ער דרייט זיך ארום דערמיט. ער איז מזלזל בריש גלי אין דברי חכמים, וואס זיי זענען מעורר שטענדיג אז מען זאל זיך נישט ארומדרייען דערמיט, עס איז ביי אים גארנישט. און דאס לערנען זיך אויס זיינע קינדער פון אים נאכדעם.** ווייל אזוי איז דער סדר פון א מענטש. ווען ער זעהט אז יענער טוט א עולה, ער טוט א חטא, אפילו ער ווייסט אז עס איז א חטא, אבער ער זעהט פאר זיך די מציאות פונעם חטא, ווערט ביי אים אפגעקילט די צוריקהאלטן זיך, די יראה וואס ער פלעגט אמאל האבן פאר אזא זאך.

**אין** מדרש (תנחומא תצא ט) שטייט, אז עס איז א משל לאמבטי רותחת, א הייסע מקוה וואס מען קען נישט אריינגיין דערין, קומט א בן בליעל, און ער שפרינגט אריין דערמיט, אף על פי שנכוה, כאטש ער האט זיך אפגעבריט, קירר אותה בעיני אחרים, האט ער עס אבער אפגעקילט אין די אויגן פון אנדערע. אז מען נוצט עס ברבים קילט מען דאס אפ אין די אויגן פון אנדערע, מען איז א מחטיא את הרבים.

**און** איך בעט אז דא אין בית המדרש, זאל מען נישט ארויסנעמען די כלים. עס איז א מקום קדוש, מען קומט אין בית המדרש לערנען, מען קומט דאווענען. אז מען דארף עפעס רעדן, זאל ער רעדן אינדרויסן, דא אין בית המדרש האט נישט קיין פלאץ אז עס זאל זיין אזא כלי.

*

## דרכי החינוך נשתנו בזמנינו אלה

**אבער** איך וויל גיין אסאך און אסאך טיפער פון דעם, וואס עס איז נוגע פאר עלטערן אין שטוב. עס איז לא כימים הראשונים, ימים אחרונים. **די וועג אין ערציען קינדער, איז היינט געטוישט געווארן פון וואס עס איז געווען אין אלע דורות פריער. אז דער וועג פון לעבן איז געטוישט געווארן, איז דער וועג פון חינוך אין קינדער אויך געטוישט געווארן. ווייל חינוך דארף זיין צוגעפאסט לויט דעם מצב אין וואס מען געפינט זיך.**

**אמאליגע** צייטן, איז געווען א געוואלדיגער קשר וואס קינדער האבן געהאט מיט די שטוב פון די עלטערן, און נישט נאר ווען מען איז געווען גאנץ קליין איז מען געווען צוגעבינדן צו טאטע און מאמע, נאר דאס איז נמשך געווארן אפילו ווען מען איז עלטער געווארן, מען איז שוין געקומען צום אייגענעם דעת, האט מען זיך נישט אפגעריסן פון די עלטערן, מען איז געבליבן שטענדיג מקושר צו די שטוב וואו מען איז ערצויגן געווארן.

**די** סיבה פארוואס עס איז אזוי געווען, ווייל די הכרח האט צוגעברענגט דערצו. זיי האבן נישט געהאט קיין ברירה, זיי האבן געמוזט אזוי זיין. פארוואס? ווייל אמאליגע צייטן, פאר די קריג, א קינד וואס האט געוואלט איבערלאזן דעם טאטענס שטוב, און גיין פאר זיך, האט נישט געהאט קיין שטיקל ברויט צו עסן. ער איז געווען אנגעוויזן אויפן טאטען, ער זאל באקומען עפעס צו עסן. ער האט נישט געטראפן קיין בעט וואו צו שלאפן. ער האט פארלוירן זיין חברותא פון מענטשן וואס ער האט געהאט ביז יעצט. דער גוי האט אים נישט געדארפט, דער גוי האט נישט געוואלט זיין חברותא, דער גוי האט געוויזן א שנאה גלויה פאר יעדן וואס ער האט געוואוסט אז ער איז א יוד, דו ביסט נישט מיין קאפ-אפ-טי, איך בין נישט צוזאמען מיט דיר. אויסער אויב ער האט זיך גע׳שמד׳ט, און ער האט געוויזן אז ער האט נישט א צורה פון א יוד, האט ער זיך געקענט אנהייבן צוביסלעך טרעפן א חברותא צווישן גוים.

**ווען** א קינד האט געוואלט איבערלאזן עול תורה און אוועקגיין פון די שטוב פון די עלטערן, האט ער איבערגעטראכט וואס וועט זיין די תוצאות, וואס גיי איך דערלייגן. לוינט זיך מיר איבערלאזן, צו נישט, עס איז אים נישט כדאי געווען די פלאג וואס ער דארף אדורכגיין, אז ער זאל קענען אנקומען דערצו. ענדערש בלייב איך ביים טאטען אין שטוב, דא וועל איך ערצויגן ווערן ביז איך וועל חתונה האבן, און איך וועל זיך פירן אזוי ווי מיינע עלטערן. - דאס איז געווען אמאל.

**היינט** איז די בילד אינגאנצען אנדערש. איינער וואס וויל איבערלאזן די שטוב פון די עלטערן, איז אים זייער גרינג. ער האט נישט קיין פראבלעם, אז ער האט נישט וואס צו עסן, די רעגירונג גיט. דו גייסט באקומען געלט, דו גייסט

באקומען עסן, דו קענסט האבן א פלאץ וואו צו וואוינען, מען קען זיך מקשר זיין אין די היינטיגע אינטער-נעט מיט די אלע שפל׳דיגע נדחים וואס זענען אוועקגעפאלן, ער האט תיכף הונדערטע אדרעסן וואו ער קען זיך מסדר זיין ווען ער וויל אוועקגיין. און ער טרעפט א גרויסע חברותא אויסער די שטוב, צו מיט יודישע גוים - אזוי ווי ער איז - אדער מיט גוים גמורים. און עס איז ליידער דא היינט געוויסע ארגאנאזאציעס וואס העלפן צו גיין סטע״פ ביי סטע״פ אז מען זאל זיך קענען מסדר זיין אינדרויסן. עס איז זייער גרינג פאר א קינד איבערצולאזן דעם פאטערס שטוב.

## קשר האהבה של האב עם הבנים, מהדק הילד לבית אבותיו שלא יפרד מהם

**וואס** איז אים יא מחבר, **וואס האלט היינט צוריק א קינד אז ער גייט נישט אוועק פון טאטע מאמע, אז ער בלייבט אין די שטוב פון די עלטערן, דאס איז נאר די געוואלדיגע ליבשאפט וואס עס האט זיך געשאפן פון א קינד צו די עלטערן, פון די יוגענט, וואס מים רבים לא יוכלו לכבות את האהבה, עס קען נישט קומען שפעטער מים רבים און עס זאל אויסלעשן דאס ליבשאפט! עס איז קשה פרידתו, דאס וואס ער דארף זיך געזעגענען פון די עלטערנ׳ס שטוב, איז אים שווערער ווי אלע תענוגים וואס ער וועט האבן אינדרויסן. דאס איז די איינציגע זאך וואס טוט היינט צוציען א קינד, אז ער זאל בלייבן אין שטוב בדרכי אבותיו.**

**די** ליבשאפט, די אהבה רבה, וואס עס דארף זיין צווישן קינדער מיט עלטערן, דאס ווערט נישט באשאפן פון זיך אליין. נאר ווען טאטע און מאמע טוען זיך אונטערהאלטן מיט די קינדער, זיי זענען זיך משתעשע צוזאמען, מען פארברענגט צוזאמען, מען בויהט אויף א שטארקען קשר פון ליבשאפט צו זיך און די בני בית, דאס בויהט אויף די ליבשאפט פון עלטערן מיט קינדער!

**דאס** קען אבער נישט פאסירן, נאר ווען דאס קינד פילט, אז ער האט א טאטע און א מאמע וואס פארברענגען מיט אים. וואס האבן א אויער צו צוהערן ווען ער האט עפעס צו רעדן. דער טאטע איז אים איבערגעגעבן פאר אלע זיינע נארישקייטן, וואס ער האט צו רעדן וועט אים דער טאטע אויסהערן און מיטהאלטן מיט אים. **ווען ער געפונט זיך צוזאמען מיט די עלטערן אין שטוב, זענען די עלטערן מקושר מיטן קינד, דאס קינד פילט אז מיין טאטע הערט מיך אויס, מיין טאטע רעדט צו מיר, און ער אינטערעסירט זיך אין מיינע ענינים. דאס גייט אדורך טאג נאך טאג, ווערט געבויט א געוואלדיגע ליבשאפט צווישן קינדער מיט עלטערן,** און דאס איז אזוי ווי א יתד בל תמוט, אזוי ווי א נאגל וואס מען קלאפט אריין און עס רירט זיך נישט, אז די קינד טרעפט זיין גאנצע צופרידענהייט, זיין גאנצען תענוג געפונט ער ביי די עלטערן אין שטוב.

**ווען** איינער איז אבער צוגעבינדן צו א סמארט-פאון, ווען ער קומט אריין אין שטוב, קומט ער מיט זיין ׳כלי זיין׳ נעבן זיך, זיין קאפ איז נישט אינדערהיים! זיין ווייב, זיינע קינדער, רעדן צו אים, ער הערט נישט נאר מיט איין אויער. כמעט ער ענטפערט נאר מיט א רמז, יא, ניין, ניין, יא, דאס איז די גאנצע קאנווערסעיש״ן וואס ער האט מיט די קינדער און מיט די בני בית. ווערט נישט אויפגעבויט קיין קשר צווישן עלטערן מיט קינדער.

**זייער** אסאך קינדער זענען דא, וואס די עלטערן האבן נישט קיין שפראך צו זיי. זיי האבן נישט קיין שפה משותפות צווישן זיך. ער האט גארנישט פארלוירן אינדערהיים. איך קען טרעפן אינדרויסן אויף דער גאס מער רואיגקייט און מער תענוג ווי איך האב אינדערהיים. און דעמאלטס קומט אים נישט אן שווער איבערצולאזן די שטוב פון די עלטערן למחצה לשליש ולרביע.

## להשתעשע עם הבנים ולשמוע ולהתעניין בעניניהם

**אבער ווען א טאטע קומט אריין אין שטוב, ער לאזט איבער זיין טעלעפאן אין די קאר, צו אין געשעפט. די שעה וואס איך בין אינדערהיים, האב איך נישט עפעס אנדערש, נאר צו פארברענגען מיט מיין בני בית צוזאמען! הערן, רעדן, זיך אינטערעסירן. דאס איז א שטארקע שטוב, וואס עס וועט נישט אוועקפאלן פון דארטן קיין קינד!**

**דאס** איז אפילו אינדערוואכן ווען מען איז נאר צוזאמען אויף א קורצע צייט, און כל שכן ווען עס קומט א שבת, א יום טוב, דארף די גאנצע קאפ פון א מענטש זיין, אז די צייט וואס איך בין צוזאמען מיט מיינע קינדער, זאל איך בויען מיט זיי א שטארקען קשר.

**עס** קומט א חול המועד, נישט זיין פרום און זיך דעמאלטס זעצן אין בית המדרש לערנען, גיי ארויס מיט דיינע קינדער אביסל, פארברענג מיט זיי, געב פאר דעם קינד וואס ער דארף. **זאל זיך דער קינד קענען אויסשמועסן מיט דיר, ער זאל זיך קענען אויסרעדן מיט דיר. מען דארף געבן פאר קינדער א פלאץ וואו מען זאל קענען שאפן א נאנטקייט!** אמאל האט עס נישט אויסגעפעלט, ווייל אמאל איז מען געווען שטענדיג מיטן קינד, ווען עס איז געווארן נאכט, איז דער טאטע געווען אינדערהיים אן א טעלעפאן, און מען איז געזעסן און געשמועסט און גערעדט מיט די קינדער. וויפיל צייט זיצט ער היינט מיט א קינד? ווען קומט אים אויס איבערן יאר אפילו איין טאג צו פארברענגען מיט א קינד. ווען ער האט יא די געלעגנהייט, דארף ער עס אויסנוצען, און זיך מקשר זיין, בויען אן אהבה צווישן זיך און זיין בני בית.

**חמין** ושמן שסכו לי בילדותי הם עמדו לי (חולין כד:), דאס ווארימקייט וואס מען האט מיך געשמירט ווען איך בין געווען אין די יוגענט, דאס האלט דעם מענטש אין יעדן מצב און זמן. איך קען נישט אוועקגיין פון מיין טאטענס שטוב, איך קען דאס נישט טון, איך קען נישט איבערלאזן מיין טאטען און מיין מאמען. די השפעה פון די חינוך פון עלטערן אויף קינדער, אז קינדער זאלן נישט ווידערשפעניגן אין וואס זיי הערן פון די עלטערן, זיי זאלן פאלגן וואס מען פארלאנגט פון זיי, איז אלעס תלוי לויט די ליבשאפט וואס עס איז דא, וואס ער האט געמאכט א קשר מיט זיין קינד.

**אין** די משנה (אבות ג-י) שטייט, שיחת הילדים מוציאין את האדם מן העולם. וואס דער פשוטער פשט דערפון איז, אז פארברענגען מיט קליינע קינדער, און נישט זיצן און לערנען, איז מוציא דעם מענטש פון די וועלט. איך מיין בדרך מליצה האט עס אן אנדערן טייטש. ווען קינדער ווערן גרעסער, שיחת ילדים פארברענגען מיט די קינדער, זיצן און שמועסן מיט די קינדער, דאס איז מוציא את האדם מן העולם, דאס וועט אוועקנעמען דעם קינד 'מן העולם', אז ער זאל זיך נישט דרייען אינדרויסן אויף די גאס. ווען א מענטש האט שיחת ילדים, **די קינד ווייסט איך האב מיט וועם צו רעדן, איך דארף נישט זוכן קיין חברותא אויף דער גאס, איך האב די חברותא אין שטוב, איך פארברענג זייער פיין מיט מיין טאטע מיט מיין מאמע, מיט מיינע ברודער מיט מיינע שוועסטערס, דאס האלט אים אינעווייניג אינדערהיים, אז ער גייט נישט ארויס אויף דער גאס.**

*

## קשר אהבה של הסב עם הנכדים

**איך** וועל צוגעבן א נקודה. דאס איז נישט נאר נוגע פאר עלטערן וואס האבן קינדער אין שטוב. איך וועל רעדן צו די זיידעס, וואס זיי האבן שוין נישט קיין קינדער אין שטוב, אבער ב"ה זיי האבן אייניקלעך מיט אור-אייניקלעך וואס ווערן ערצויגן. אויף זיי ליגט אויך א חיוב אז זיי דארפן האבן א קשר מיט די אייניקלעך. זיי דארפן שאפן א ליבשאפט. **א זיידע מיט א אייניקל זאלן זיין צוגעבינדן איינער צו דעם צווייטן. ער דארף שאפן א אמת'דיגן קשר מיט זיי.** אפילו נאכדעם וואס ער האט שוין חתונה געמאכט די קינדער, און די אייניקלעך ווערן ערוואקסן, רוף אן אייניקל צו דיר אויף א שבת, רוף אים צו א סעודה, זיץ מיט אים, רעדט מיט אים, פארציילט אים סיפורי דברים, פרעג אים ווי אזוי איז אדורכגעגאנגען די וואך. זאג אים א דבר תורה, זאג אים א סיפור פון מוסר, פארברענג מיט אים, רעדט מיט אים רעדן לשם רעדן, אז דאס קינד זאל פילען אז ער האט א פלאץ וואו ער קען רעדן, און ער קען פארציילן, מיין זיידע הערט מיך אויס, און ער האט ליב אייביג צו הערן פון מיר, און דאס קינד קוקט שוין ארויס, ווען קען איך גיין צו דעם זיידן, און זיין מיט אים צוזאמען. - דער קשר איז נישט נאר וואס מען דארף האבן מיט עלטערן. אז ער האט א קשר מיטן זיידן, וועט ער אויך נישט איבערלאזן די עלטערן'ס שטוב, ווייל ער וויל נישט אפהאקן זיין קשר וואס ער האט מיט זיין זיידן.

**און כל שכן ווען א מענטש ווייסט, אז ליידער זיין זון, צו זיין איידעם, גיט זיך נישט אפ מיט די קינדער ווי עס דארף צו זיין, און עס איז נישט דא אין שטוב ביי זיי א קשר מיט די קינדער. עס פעלט די ריכטיגע אהבה וואס מען דארף צו האבן. ליגט אויף אים אן עקסטערן חיוב, ער דארף ערזעצן דעם חלל וואס עס פעלט פאר דעם קינד. ער קען עס ערזעצן. ווען ער רופט דעם קינד, און ער האט א שייכות מיט דעם קינד, דער אייניקל פילט אז ביי דעם זיידן האט ער א אויער וואס הערט, טאמער טוט אים עפעס וויי, האט ער מיט וועם צו רעדן און מקבל זיין חיזוק, דאס וועט אים העלפן ער זאל זיך האלטן אויפן ריכטיגן וועג.**

**איך** בין נתגדל געווארן ביי מיין טאטען ז״ל און די מאמע ע״ה אין שטוב. עס איז געווען א שטוב וואס די יסודות זענען געווען אויסערגעווענליכע שטארקע יסודות פון א יודישע שטוב, ברוחניות ובגשמיות. א שטוב וואס איז געווען לויטער רואיגקייט, די לופט איז געווען שטענדיג רואיג. מען האט זיך קיינמאל נישט געבייזערט, עס איז קיינמאל נישט געווען אנגעצויגן די שטוב, אין די שווערסטע מצבים וואס מען איז אדורכגעגאנגען, איז די שטוב געווען רואיג. מיין טאטע ז״ל האט אויסגענוצט כמעט יעדע צייט וואס ער האט געהאט פאר תורה און עבודת ה׳, אזוי ווי אן ערליכער יוד פירט זיך. אבער ווען עס איז אריינגעקומען א קינד אין שטוב, ווען עס איז אריינגעקומען אן אייניקל אין שטוב, איז די צייט וואס דאס קינד און די אייניקל איז געווען דארטן, איז ער נישט געווען פארנומען מיט קיין שום זאך, נאר צו פארברענגען מיט דעם קינד, געשמועסט מיט אים, געפרעגט וואס מען טוט, וואס מען מאכט, און אזוי ווייטער.

**נישט** ווייל ער האט מבזבז געווען צייט, ער האט זייער חס געווען אויף זיין צייט, אבער ער האט געפילט אז ער גייט בויען מיט דעם א קשר פון ליבשאפט צווישן די קינדער און די אייניקלעך מיט דעם טאטען און מיט דעם זיידן, און נאכדעם ווען ער וועט עפעס פארלאנגען, און ער וועט עפעס בעטן, וועט ער האבן אן השפעה, און עס וועט נוצן.

**איך** טו אויך אזוי, איך האב אויך נישט קיין צייט, אבער על כל פנים ווען עס קומט אריין א קינד אין שטוב, איז ביי מיר אלעס געשטארבן. דעמאלטס געב איך זיך אפ, און איך שמועס, און איך רעדט, און איך האב צייט פאר אלעם. איך וויל אנהאלטן א קשר מיט די קינדער און אייניקלעך, כדי אז מען זאל קענען האבן שפעטער אן השפעה וואס מען דארף צו האבן.

*

## בהסיבה שנכדו של משה רבינו נעשה כומר לע״ז

**מיט** דעם וועלן מיר צוריק קומען. מען פרעגט, ווי אזוי קען זיין אזא זאך, א אייניקל פון משה רבינו זאל ווערן א כומר פאר עבודה זרה? איך מיין אז מען קען זאגן, משה רבינו האט נישט געהאט קיין איין רגע פריי פאר זיך. ער איז געווען א רבן של ישראל, א האלבן מיליאן חסידים תלמידים וואס משה רבינו האט געלערנט מיט זיי תורה. עס איז געווען ויעמוד העם על משה מן הבוקר עד ערב, פון צופרי ביז ביינאכט איז מען געשטאנען ביי משה רבינו. און יתרו פרעגט, מה הדבר הזה אשר אתה עושה לעם, מדוע אתה יושב לבדך וכל העם נצב עליך מן בוקר עד ערב (שמות יח-יד). זאגט משה רבינו, איך וועל דיר זאגן מיין ארבעט, איך וועל זאגן מיט וואס איך בין פארנומען מיט זיי. טייטשט דער רמב״ן דארט, כי יבא אלי העם לדרש אלקים, מען קומט צו מיר מיט א חולה, מען קומט איך זאל מתפלל זיין. ווען זיי פארלירן עפעס, די געשעפטן גייען נישט גוט, קומען זיי זיין ביי מיר איך זאל מתפלל זיין פאר זיי. צווייטנס, ושפטתי בין איש ובין רעהו, אז זיי האבן א סכסוך, פיר איך א דין תורה, איך פסק׳ן פאר זיי אויסגראדן בין אדם לחברו. והודעתי את חוקי האלקים ואת תורותיו, איך דארף לערנען מיט זיי תורה. דו פרעגסט וואס איך טו, איך בין פארנומען דעם גאנצען טאג.

**עס** איז יתכן צו זאגן, אז דאס איז געווען די סיבה אז עס האט געפעלט פון משה רבינו׳ס קינדער און פון די אייניקלעך, א קשר פון אהבה וואס איז מוטבע בדרך כלל צווישן עלטערן מיט קינדער. וואס א טאטע האט מיט א קינד, און א זיידע האט מיט אן אייניקל, נעמט זיך פון דעם וואס מען פארברענגט מיט זיי. משה רבינו האט נישט געהאט די געלעגענהייט ער זאל קענען זיצן מיט זיינע קינדער און אייניקלעך און פארברענגען מיט זיי. זיי האבן נישט געהאט קיין געלעגענהייט אז זיי זאלן האבן א פריוואטע צוזאמגעבינדענקייט מיט משה רבינו, אז עס זאל איבערלאזן אויף זיי א רושם, איך בין א אייניקל פון משה רבינו, איך קען נישט טון אלעס וואס מען דארף, עס פאסט מיר נישט צו טון וואס אנדערע טוען, עס איז נישט קיין כבוד פאר זיי. - און אז מען האט נישט קיין שייכות מיט עלטערן און מיט א זיידן, קען שפעטער צוקומען דערצו, אז מען גייט אראפ פונעם וועג, ביז מען קען ווערן א כומר לעבודה זרה. [ועיין תורת משה פ׳ במדבר עה״פ אלה תולדות אהרן ומשה].

**וועגן** דעם האט מען גענומען דעם נו״ן — וואס דאס ווייזט אויף די גנאי פון יונתן — און מען האט עס אריינגעלייגט אין משה׳ן. ווייל דער אות נו״ן איז דאך די נפילה, דער מצב פון משה רבינו וואס איז געווען א רבן

של ישראל, און ער איז געווען טרוד שטענדיג מיט צורכי ישראל, און ער האט נישט געהאט די געלעגענהייט ארויסצווייזן א ליבשאפט צו די קינדער און די אייניקלעך, דאס האט גורם געווען שפעטער, אז עס איז אויסגעוואקסן דערפון א יהונתן.

**און** עס איז אריינגעלייגט א אות נו"ן, ווייל מען ווייסט אז דער אייבערשטער האט באשאפן נו"ן שערי בינה, און וכולם ניתן למשה חסר אחת (ראש השנה כא:), משה רבינו איז צוגעקומען ביז צום שער הנו"ן, משה רבינו האט זוכה געווען צו די געוואלדיגע השגה אין תורה, אז ער איז געווען ביים שער הנו"ן, און יעדער איינער האט געדארפט אנקומען צו משה רבינו, און ער האט נישט געהאט קיין צייט פאר די קינדער, דאס האט צוגעברענגט דערצו, אז יהונתן איז געווארן א כומר לעבודה זרה.

## להשתדל בכל יכלתו לחזק הקשר לבני ביתו

**און** אונזער תורה הק' איז א תורת אמת, די תורה איז נישט נושא פנים, די תורה האט זיך נישט צוריקגעהאלטן וועגן כבוד פון משה רבינו, פון אונז צו פארציילן וואס פאר א אייניקל משה רבינו האט געהאט. ווייל די תורה האט אונז געוואלט ווייזן, **א מענטש זאל זיך נישט פארלאזן און זאגן, ביי מיר אין שטוב וועט עס נישט געשעהן, איך בין זייער גוט מיט מיינע קינדער און מיט מיינע אייניקלעך, זיי זענען וואוילע נשמות, ביי זיי וועט גארנישט פאסירן, זיי וועלן נישט ארויסגיין לתרבות רעה, איך דארף נישט מאכן קיין פעולות פון קירוב ביי מיר אינדערהיים. האט די תורה אונז געוואלט לערנען און ווייזן, מען זאל זיך מתבונן זיין, דו זאלסט וויסן אז די ערשטע אייניקל פון משה רבינו איז געווארן א כומר לעבודה זרה! ווערסטו זיך פון דעם אראפלערנען, אז יעדער איינער ליגט אויף אים א חיוב צו טון וואס ער קען, צוזאמהאלטן א שטוב מיט ליבשאפט צו די קינדער, און ארויין לייגן דעם גאנצן קאפ, ווי אזוי קען איך מקרב זיין די לבבות פון ווייב און קינדער צו מיר.**

**יעדער ווייסט די שוועריקייטן וואס עס איז היינט דא. פון משפחות וואס זענען יותר מיוחסות בישראל פאלן אוועק אין די הונדערטער, ליידער. די ווייטאג וואס עלטערן ליידן זיך אן פון קינדער איז בוקע רקיעים. און א מענטש דארף מתבונן זיין אסאך מאל, צו ער איז נישט שולדיג דערין אז עס האט אזוי פאסירט, אפשר ווען איך וואלט אנדערש אכט געגעבן מיט מיין סמארט-פאון, ווען איך וואלט נישט געווייזן פאר מיינע קינדער דעם וועג ווי אזוי זיך צו פירן, וואלט ער נישט צוגעקומען דערצו. און ער דארף בעוד מועד מחזק זיין דעם קשר וואס עס איז דא אין שטוב, און געדענקן, אז ווי מער ליבשאפט מען גיט אריין אין קינדער, איז דאס א צוריקהאלט אין די היינטיגע צייטן, אז א קינד זאל ממשיך זיין און וועלן בלייבן אין די שטוב פון די עלטערן.**

*

**מען** געפונט ביי א נזיר, וואס ער נעמט אויף זיך אז ער גייט נישט טרינקען קיין וויין, זאגט די תורה אויף אים, איך וועל דיר זאגן וואס דער נזיר איז, כי נזר אלקיו על ראשו, ער האט א געטליכן קרוין אויף זיין קאפ, כל ימי נזרו קדוש הוא לה' (במדבר ו-ז), אלע טעג פון זיין נזירות איז ער הייליג צום אייבערשטן. און מען דארף פארשטיין, ווייל ער איז זיך פורש פון טרינקען וויין, וועגן דעם איז ער א קדוש לה', און ער האט שוין א נזר אלקיו על ראשו?

**עס** קען זיין דער ענין דערפון. דער אייבערשטער האט באשאפן א מענטש מיט צוויי אויגן. אין הייליגע ספרים שטייט שוין טעמים דערויף, פארוואס מען האט צוויי אויגן. עס קען זיין אז מען קען זאגן נאך א ענין דערין, וואס עס איז נוגע לענינינו.

## אשרי אדם מפחד תמיד

**דער** פסוק (משלי כח-יד) זאגט, אשרי אדם מפחד תמיד. טייטשט רש"י (גיטין נה:), וואויל איז דעם מענטש וואס איז שטענדיג באזארגט, שדואג לראות את הנולד, ער איז באזארגט וואס גייט אויסוואקסן פון די זאך וואס איך גיי טון. אויב איך וועל טון אזוי און אזוי, וואס גייט דערפון ארויסקומען. זאגט ווייטער דער פסוק, ומקשה לבו יפול ברעה, און דער וואס האט א שטארק הארץ, עס איז נישט געפערליך, מען דארף נישט זארגן אויף שפעטער, איך טו יעצט וואס איך דארף צו טון. וועט ער שפעטער אריינפאלן אין שלעכטס.

**דאס** איז טייטש, אמאל איז דא וואס א מענטש אויף דער מאמענט האט ער נישט קיין סיבה פארוואס ער זאל יעצט זיך זארגן, אלעס איז גוט, עס פארט ווי עס דארף צו

זיין. אבער א חכם קוקט אויפן נולד, נישט ווי אזוי עס קוקט אויס יעצט, נאר ווי אזוי עס וועט אויסקוקן א פאר יאר ארום, וואס גייט זיין שפעטער. ער איז מעורר די כוחות פון זיין נפש, אז ער זאל זיך זארגן פון תוצאות וואס עס גייט ארויסקומען נאכדעם. די גמרא (ברכות ס.) זאגט, אז בעניני רוחניים דארף זיך א מענטש אזוי פירן, צו זיין א אשרי אדם מפחד תמיד.

**נישט** נאר ער דארף זיך זארגן ווען ער טוט עפעס, וואס עס גייט פאסירן פון וואס איך האב געטון, נאר ווען ער זעהט עפעס ווי אזוי עס טוט זיך אין די וועלט, ווי אזוי דער הלוך ילך גייט, דארף עס אים מעורר זיין און טראכטן, אז אפשר גייט עס אויך פאסירן ביי מיר. אז עס האט געקענט פאסירן ביי יענעם, קען עס פאסירן ביי מיר אויך. און אשרי אדם מפחד תמיד, וואויל איז דער מענטש וואס זארגט זיך שטענדיג, ער זעהט א זאך וואס האט זיך געפירט ביי יענעם, טראכט ער וואס וועט זיין ביי מיר אין שטוב שפעטער. — ומקשה לבו, דער וואס טראכט נישט, ביי מיר איז אלעס גוט, איך דארף זיך נישט זארגן, מיין סמארט-פאון וועט נישט קאליע מאכן, איך קען, איך האב א גוטע שטוב, יפול ברעה.

**חז"ל** (סוטה ב.) זאגן, אז פרשת נזיר איז סמוך צו פרשת סוטה, לומר לך, כל הרואה סוטה בקלקולה יזיר עצמו מן היין, אז מען זעהט וואס עס האט פאסירט ביי א סוטה, זאל ער זיך אפשטעלן און נישט טרינקן קיין וויין. וויין ברענגט קלות ראש פאר א אשה, און דער סוף איז, אז זי טרינקט וויין, קען זי צוקומען צו דער מצב צו וואס די סוטה איז צוגעקומען.

**הרואה** סוטה בקלקולה, ווען איינער זעהט וואס האט פאסירט ביי די שטוב פון די סוטה, זאל ער נישט זאגן, ביי מיר וועט דאס נישט פאסירן, ביי מיין טאכטער וועט עס נישט פאסירן, איך האב באקומען א אינדזשעקשע"ן דערפאר וואס עס היט מיר, אז ביי מיר וועט עס נישט זיין. מען דארף טראכטן ביי זיך, עס האט פאסירט דארטן, איך בין אויך נאר א בשר ודם, מיינע קינדער זענען אויך נאר א בשר ודם. און ער דארף מאכן א גדר און סייג, אז ער זאל נישט צוקומען דערצו. הרואה סוטה בקלקולה, דו זעהסט וואס עס האט פאסירט, יזיר עצמו מן היין, טו דיך אפשיידן, טרינק נישט קיין וויין, עס זאל נישט צוקומען ביי דיר די זעלבע.

**לכאורה** וואס דארף מען זיך מזיר זיין פון יין, ער זעהט דאך שוין סוטה בקלקולה, דאס וואס ער זעהט איר בקלקולה דאס אליין דארף דאך אים צוריקהאלטן. אז מען זעהט דעם קלקול, דארף דאך דאס אליין אים צוריקהאלטן? זאגט מען ניין, דו קענסט זעהן ביי יענעם א קלקול אין שטוב, און דאס וועט נאך גארנישט העלפן פאר דיר, דו ווייסט דיך פון דעם נישט אפלערנען, ביז דו גייסט נישט מאכן קיין גדר און א סייג פאר דיר, יזיר עצמו מן היין, אזוי לאנג ביסטו נישט געזיכערט אז עס זאל נישט פאסירן ביי דיר דער ענין פון סוטה.

---

**כשרואה קלקול אצל אחרים, ילמוד מזה לתקן בדקי ביתו**

---

**מיר זעהן היינט צו וואס די כלים האבן צוגעברענגט, וואס פארא קלקולים עס איז ארויסגעקומען דערפון, סוטה בקלקולה, מען זעהט אסאך און אסאך מער פון סוטה בקלקולה, ליידער גייען קינדער ארויס לתרבות רעה, מענטשן לאזן איבער די ווייבער מיט די קינדער לעבעדיגע יתומים. און ער איז ווייטער מקשה לבו, ביי מיר וועט עס נישט פאסירן, דאס איז נאר ביי אנדערע. ביי מיר און מיין בני בית וועט עס נישט זיין. ער כאפט זיך נישט, אז די נסיונות ווערן גרעסער און גרעסער, אין א יאר ארום וועלן די היינטיגע נסיונות זיין גארנישט אקעגן דעם וואס וועט ארויסקומען אין א יאר ארום! און ער זאגט נאך אליץ, אני אקרא ולא אטה** (שבת יב:), **איך וועל נישט מטה זיין. יעדער זאל זיך אכט געבן, איך דארף נישט.**

**דער אייבערשטער האט באשאפן דעם מענטש מיט צוויי אויגן, צו ווייזן, אז ווען דו זעהסט עפעס ביי יענעם מיט דיין אויג, זאלסטו נוצן דעם צווייטן אויג, זיך אומקוקן ביי דיר אין שטוב. ווען דו זעהסט עפעס ביי יענעם אין שטוב, טראכט וואס קען איך טון אז ביי מיר זאל עס נישט פאסירן. מען דארף לייגן א אויג צו קוקן אויף זיך און די בני בית, אז וואס עס האט פאסירט ביי יענעם, זאל נישט פאסירן ביי מיר.**

**אז** מען זעהט, אז עס איז אין בית אשר אין שם מת, ביי די שענסטע שטובער האט עס פאסירט, דו האסט טאקע זייער א פיינע שטוב, גיב אכט, וואס קענסטו טון א גדר און א סייג, אז ביי דיר זאל עס נישט פאסירן. ווען מען זעהט סוטה בקלקולה, און ער נוצט נאכדעם דעם צווייטן אויג, אז ער קוקט ביי זיך. ער איז מקיים דעם אשרי אדם

מפחד תמיד, איך וויל נישט צוקומען צו דעם נסיון, ער איז זיך פורש מן היין. דער מענטש וואס גיט זיך אכט, אז ער מאכט א גדר אויפן וויין נאכדעם, דער וועט אכט געבן אז ער וועט נישט אריינפאלן אין קיין נסיון שפעטער. ווייל ער לערנט זיך פון א צווייטן.

**דער** נזיר האט א נזר אלקיו על ראשו, ער גייט ארום מיט א קרוין, א געטליכן קרוין אויפן קאפ, און די תורה איז אים מבטיח, כל ימי נזרו קדוש הוא לה׳, ביז ווילאנג דו וועסט זיין א נזיר, און דו וועסט דיך פירן זיך פורש זיין און מאכן גדרים, וועסטו זיין הייליג. אז עס פאסירט עפעס, דארף מען טראכטן עס זאל נישט פאסירן ביי מיר, און זיך מאכן גדרים וסייגים. אויף ענגליש איז דא א ווערטל וואס מען זאגט, ׳אז דו זעהסט עפעס, זאג עפעס׳. אז מען זעהט עפעס, דארף מען זאגן. די אלע זאכן דארף מען זיך אראפלערנען צו עבודת ה׳. דו זעהסט ביי יענעם, זאג עס ביי דיר אינדערהיים. עס האט פאסירט אזוי ביי יענעם, קען עס פאסירן ביי מיר אויך. - און ווען א מענטש מאכט זיך גדרים אין שטוב, ער גיט זיך אכט על כל פנים וויפיל ער קען, האט ער סייעתא דשמיא שפעטער, אז ער איז מצליח מיט די קינדער.

*

### שותא דינוקא ׳בשוקא׳ דאבוה או דאימיה, שלא הראו אהבה לבני ביתם

**ווען** מיר צוריק קומען צו די מעשה פון מרים בת בילגה. מען האט גע׳קנס׳ט די משמורה פונעם פאטער, וועגן דעם וואס מרים בת בילגה האט געטון. אמת, עס איז מעגליך אז איר טאטע איז געווען א צדיק גמור, אן ערליכער יוד, ער האט מחשיב געווען די כהונה, ער האט געטון די עבודה ערליך, און די טאכטער איז נשפע געווארן פון א שלעכטע חברותא פון אינדרויסן. עס האט זיך צוגעטשעפעט אויף דער גאס עפעס א שלעכטע חברותא, און די האבן אריינגעלייגט אין איר א סם, און זי איז יצאה מן הדת, זי האט חתונה געהאט צו א סרדיוט פון מלכי יוונים. עס פאסירט אזא זאך. יא עס קען פאסירן, א ערליכע שטוב, א ערליכע טאטע, און די טאכטער לאזט איבער און זי גייט אוועק.

**די** קשיא איז אבער, ווי אזוי איז זי צוגעקומען צו דעם אז זי זאל איבערלאזן די שטוב, און זי זאל זיך דרייען אויף דער גאס, און קענען צוקומען צו אזא סרדיוט? כל כבודה בת מלך פנימה (תהלים מה-יד), א יודישע טאכטער ווערט ערצויגן צו בלייבן אינדערהיים, ווי קומט אז א יודישע טאכטער, וואס איז מחונך געווארן אין א יודישע שטוב, איז געגאנגען שפאצירן אינדרויסן אויף די גאסן, און זיך מחבר זיין מיט אזעלכע רשעים, אז זי זאל קענען שפעטער צוקומען זיך צו שמד׳ן, און חתונה האבן מיט א גוי? ווער האט צוגעברענגט דערצו, אז עס האט געקענט אזא זאך פאסירן, און נאכדעם גיין פורק זיין עול תורה אינגאנצען, און בועט זיין בסנדלה על גבי המזבח. ווי אזוי האט זי נישט חס געווען אויפן צער פון איר טאטען, אויף די צער פון אירע עלטערן, זיי זעהן ווי א טאכטער גייט ארויס לתרבות רעה. ווי קומט עס, אז זי קוקט זיך נישט אים אויף דעם?

**דער** תירוץ דערויף איז, עס מוז זיין אז די טאכטער האט נישט געטראפן קיין רואיגקייט אין שטוב, עס האט געפעלט ביי איר, איר צופרידנהייט. **עס האט געפעלט ביי איר די רואיגקייט אין די עלטערנ׳ס שטוב, די עלטערן האבן נישט אוועקגעגעבן צייט צו בויען א קשר מיט די טאכטער, מהדק צו זיין די אהבה וואס עס דארף זיין צווישן זיי. די שטוב איז געווען אן אנגעצויגענע שטוב. און אז מען האט נישט קיין סיפוק אינעם שטוב, זוכט מען סיפוק אינדרויסן! גייט מען ארויס אויף דער גאס, און מען טרעפט זיך מיט א אנדערע חברותא.**

**זאגן** אונז חז״ל, שותא דינוקא בשוק״א, אז א קינד טרעפט נישט צו וועם צו רעדן אין שטוב, און ווען דאס קינד דארף עפעס רעדן, דארף זי ארויסגיין בשוקא, זי דארף ארויסגיין אויף דער גאס צו זוכן זיך חברים מיט חבר׳טעס, שותא דינוקא, ווען א קינד וויל שמועסן, בשוקא, קען ער עס נאר טון אינדרויסן, קענסט עס נישט טון מיט דיין טאטען און מיט דיין מאמע און די ברודער און די שוועסטער, איז דער טייטש, אז עפעס פעלט דא אין די שטוב, טאטע און מאמע זענען שולדיג, אז זיי האבן נישט קיין קשר מיט דעם קינד. שותא דינוקא בשוקא, אז א קינד טרעפט זיך נאר צו שמועסן אויף דער גאס, דאבוה או דאימיה, איז דער טאטע אבער די מאמע שולדיג דערין. זיי געבן נישט אריין אין דעם שטוב די ליבשאפט, אז א קינד זאל פילן דעם סיפוק ביי זיך אינדערהיים.

**מען** האט נישט אריינגעלייגט אין די שטוב א לופט פון רואיגקייט, מען האט זיך נישט געפלאגט צו האבן א שפראך מיט די קינדער, דער קאפ ליגט אין אלע אנדערע

הבלים, דער קאפ ליגט אין געשעפטן. **אין מלווין לו לאדם לא כסף ולא זהב ולא אבנים טובים ומרגליות, מען נעמט גארנישט מיט, אלעס לאזט מען דא, און פאר דעם האט מען צייט. אבער פאר דעם טייערן אוצר וואס מען האט אין שטוב, טייערע חשובע קינדער, וואס מיט זיי וועט ער זוכה זיין צו חיים נצחיים לעולמי עד, פאר זיי האט ער נישט קיין צייט, ער זאל זיך קענען מיט זיי משתעשע זיין.**

**און** אז עס פעלט די אהבה פון דעם קינד צו די עלטערן, דעמאלטס קומען די תאוות קודם, דעמאלטס אינטערעסירט אים נישט די צער פון די עלטערן, עס אינטערעסירט אים נישט די ווייטאג פון די עלטערן. דעמאלטס גייט ער זיך זיין וועג, און ער לאזט איבער די עלטערן אן א ליבשאפט, אזוי ווי זי איז נתחנך געווארן.

**די** חכמים האבן אונז געוואלט לערנען, אז אזעלכע עלטערן וואס קוקן נישט אוועקצוגעבן צייט פאר די קינדער, איז זייער עבודה נישט ראוי אין דעם בית ה׳. מען האט פארמאכט זייער טבעת, זייער חלון האט מען סותם געווען. דער אייבערשטער דארף נישט די עבודה וואס דו טוסט אין בית המקדש, נאר אז דו האסט אויך צייט פאר דיינע קינדער. אויב דו האסט נישט קיין צייט פאר דיינע קינדער, דעמאלטס דארף מען נישט דיין עבודה אין בית המקדש. - די עיקר עבודה פון עלטערן איז, מנחיל צו זיין תורת ה׳ פאר די קינדער, אז זיי זאלן גיין אין די ריכטיגע וועגן.

*

## תפלת אבות על בנים להצלחתם

**יעדער** פארשטייט, אז די עיקר איז תפלה, דאווענען און מתפלל זיין. מען דארף אסאך רחמי שמים מען זאל קענען היינט מחנך זיין ערליכע יודישע דורות. **יעדן טאג, זאגן א תפלה פאר א קינד, אפילו נאר א האלבע מינוט. צו איז עס אינדערפרי ווען מען זאגט ברכת התורה, צו איז עס ביי די שמונה עשרה. און מען קען עס זאגן אין וואס פאר א שפראך מען וויל, מען קען רעדן יודיש, מען מוז נישט זאגן לשון הקודש, מיט א נוסח דערויף. בעטן דעם רבונו של עולם, געב מיר קינדער און אייניקלעך וואס זאלן גיין בדרכי התורה. געב מיר די מעגליכקייט איך זאל זיי קענען מחנך זיין ווי עס דארף צו זיין. איך זאל קענען פירן א שטוב וואס יעדער זאל זיין צופרידן אין די שטוב, און איך זאל קענען משפיע זיין אויף זיי. דאס דארף א מענטש שטענדיג מתפלל זיין.**

**און** געדענקן עולם הזה דומה לפרוזדור בפני העולם הבא (אבות ד-טז), מיר זענען דא אויף די וועלט נאר אלץ א דורכגאנג, התקן עצמך בפרוזדור כדי שתכנס לטרקלין, מיר זענען דא כדי מיר זאלן זיך קענען צוגרייטן אריינצוגיין אין דעם טרקלין. אויסנוצען די געוואלדיגע זכות וואס מיר האבן אז אונז לעב מיר אויף די וועלט.

## בראתי לו תורה תבלין

**מען** דארף קובע זיין עתים לתורה, יעדער יוד דארף האבן א קביעות צו לערנען תורה יעדן טאג. בראתי יצר הרע בראתי לו תורה תבלין (קידושין ל.), א תבלין פאר א מענטש זיך אויסצואיידלען איז נאר דורך תורה. אין אלע מקומות זענען דא חבורות צו לערנען, ביי אונז אין די קהילה איז דא די חבורה פון ׳ובהם נהגה׳, וואס הונדערטער חברים זענען אנגעשלאסן דערין. מען לערנט יעצט מסכת סוכה, און מען גייט נאכדעם לערנען מסכת תענית. **האבן א קביעות עתים לתורה, און אז מען קען, זאל מען נעמען אויף זיך צו חזר׳ן, און זיך לאזן פארהערן, און נעמען די בחינות.**

**עס** איז יעצט טעג פון שמחה, משנכנס אדר מרבין בשמחה, זאל דער אייבערשטער געבן, עס זאל זיין שמחות אין אלע יודישע שטובער, מען זאל קענען מגדל זיין אונזערע קינדער לתורה ולחופה ולמעשים טובים, זעהן אסאך נחת דקדושה. נישט האבן קיין ווייטאג און קיין צער און קיין עגמת נפש פון די שטוב. מיר זאלן אלע זוכה זיין, דער באשעפער זאל אונז בענטשן מיט וואס אונז דארפן מיר האבן.

**מען** האט פריער גערעדט, די אלע חכמי ישראל וואס מען האט מספיד געווען, געפינט זיך דא זייער נשמה. זיי גזעגענען זיך יעצט פון אונז, זאלן זיי מעורר זיין רחמים אויבן אין הימל אויף אונז אלע, אז מיר זאלן אלע געבענטשט ווערן מיט וואס אונז דארפן מיר האבן. דער אייבערשטער זאל ממלא זיין כל משאלות לבבנו לטובה, און מיר זאלן זוכה זיין אלע אינאיינעם, אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

נתנדב לעילוי נשמת הרה״ח ר׳ **ישעי׳** ב״ר **ישראל** ע״ה **פאללאק** - נפטר י״ג אדר תשע״ז לפ״ק - ת.נ.צ.ב.ה.